# פרשת כי תשא י"ב - י"ח אדר א' תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת כי תשא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **עקיבא זינגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הלכות ברכת המזון סימן קפ"ב סעיף ה') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געשטאנען, ועשית בגדי קודש לאהרן אחיך לכבוד ולתפארת (שמות כח-ב), די בגדים וואס מען מאכט פאר אהרן, זאלן זיין פאר א כבוד און א פראכט. שפעטער ווען די תורה רעכנט אויס אלע בגדי כהונה, שטייט אין פסוק (שם כח-מ) ומגבעות תעשה להם לכבוד ולתפארת, די היטן זאלן אויך זיין לכבוד ולתפארת. די מפרשים אויפן פלאץ שטעלן זיך, אלע בגדים זענען דאך לכבוד ולתפארת, פארוואס שטייט עקסטער ביי די מגבעות, אז עס זאל זיין לכבוד ולתפארת. דער **רשב"ם** גיט צו א ווארט, אז די הוט, דאס טוט די מערסטע באשיינען דעם מענטש מער פון אלע אנדערע בגדים וואס א מענטש האט אויפן גוף, און וועגן דעם דארף זיין א ספעציעלע שיינקייט אין די מגבעות. אויסער וואס אלע בגדים זענען לכבוד ולתפארת, זאלן די מגבעות עקסטער זיין לכבוד ולתפארת.

**איך** האב געטראכט, עס איז דא א קשיא אין די ראשונים (**מושב זקנים** שמות כא-ו), און די קשיא ווערט אויך צוגעברענגט אין **שיטה מקובצת** (בכורות מד), אז די גמרא (שבת צב.) זאגט, אז משה רבינו איז געווען הויך צען אמות, ווייל ער האט געקענט נעמען די יריעות און עס ארויפלייגען אויפן משכן, און די משכן איז דאך געווען הויך צען אמות, איז משה רבינו אויך געווען הויך צען אמות. און נישט נאר משה רבינו איז געווען הויך צען אמות, נאר אלע לויים זענען געווען הויך צען אמות. די גמרא (שם) זאגט, אז פון די משא בני קהת לערנען מיר אראפ, אז כאטש מען האט געטראגן למעלה מעשרה, פון דעסטוועגן דאך ווערט עס גערעכנט פאר הוצאה, ווייל די לויים זענען געווען הויך צען אמות.

**פרעגט** דער **שיטה מקובצת**, אהרן הכהן איז דאך אויך געווען פון די לויים, ווי אזוי איז ער אריינגעגאנגען אינעם משכן? דער משכן איז דאך געווען הויך צען אמות, און ער איז אויך געווען הויך צען אמות, אמתא באמתיה היכי יתיב (סוכה ז:), צען אין צען גייט נישט אריין. ווערסטו וועלן זאגן אז ער האט זיך אראפגעבויגן בשעת ער האט געטון די עבודה, זאגט ער, אפילו פאר א מלך בשר ודם שטייט מען נישט אזוי, קען דאך נישט זיין אז אהרן האט געטון אלע עבודות מיט א אראפגעבויגענעם קאפ. איז ער דאך געשטאנען גראד, ווי אזוי איז ער אריין אינווייניג אינעם משכן?

**די** קשיא וואלט מען נאך געקענט פארענטפערן, אז דאס וואס מען זאגט אז די לויים זענען געווען הויך עשרה, מיינט נישט ממש אויף די אינטש צען, נאר עס איז געווען 'בערך' צען. ווען א מענטש איז מיט צוויי דריי אינטשעס קלענער פון צען, זאגט מען אויך אז ער איז הויך צען. איז אפילו משה איז נאר געווען ניין מיט א דריי פערטל, רופט ער עס אויך אן, אז ער איז געווען הויך עשרה. קומט אויס אז ווען ער איז אריינגעקומען האט ער טאקע נאר דערגרייכט ביז נאנט צו די דאך. איז נאכנישט געפערליך די קשיא.

**דער רבי ר' יונתן** אין **מדרש יונתן** (בפרשתנו) פרעגט אויף די קשיא, מיט א מדריגה מער. אז עס שטייט אין מדרש (ויק"ר כו-ט), אז ווען מען האט מושח געווען די כהנים מיט די שמן המשחה, איז ער אויסגעצויגען געווארן און ער איז געווארן גרעסער. קומט דאך אויס, אז נאך די משיחה זענען די כהנים נאך העכער געווארן פון וואס זיי זענען געווען פריער, און ווי אזוי האבן זיי געקענט אריינגיין אינווייניג אינעם משכן. זאגט ער, על כרחך בדרך נס היה. עס האט פאסירט א נס, אז ער האט געקענט אריינגיין.

**די** קשיא וואלט מען נאך אויך געקענט פארענטפערן, אז עס מוז נישט זיין אז עס איז געווען

בדרך נס. ווייל דאס וואס עס שטייט אין מדרש, אז ווען מען האט געזאלבט מיט שמן המשחה איז מען געווארן העכער, איז דער לשון דארט אין מדרש, אם היה קצר, אויב ער איז געווען קליין געוויקסיג, האט אים דער שמן המשחה געמאכט אז ער זאל זיין משובח, ער זאל זיין געהעריג. אבער איינער וואס איז שוין ממילא הויך, און ער קען קוים אריינגיין אינעם משכן, וואס פאר א אינטערעסע האט געהאט די שמן המשחה, אז עס זאל אים מאכן נאך העכער, ער זאל האבן א פראבלעם אריינצוגיין. איז פון שמן המשחה אויך נישט קיין קשיא.

**די** קשיא איז אבער, אויסער דעם וואס ער איז געווען הויך צען אמות, האט ער דאך אנגעהאט א מצנפת אויפן קאפ. די מצנפת איז געווען זעכצן אמות די לענג, וואס דאס האט מען ארומגעדרייט אפאר מאל ארום די קאפ, ביז עס איז געווארן דערפון א מצנפת (רמב"ם ה' כלי המקדש ח-יט), איז דאך דער מצנפת זיכער געווען איינס צווי דריי טפחים, וואס עס איז געשטאנען אויפן קאפ. איז אפילו ער איז נישט געווען הויך צען אמות, אבער מיט די מצנפת איז ער דאך געווען הויך צען, ווי אזוי האט ער געקענט אריינגיין. דא איז שוין א הכרח אז עס האט געמוזט געשען א נס, אז ער זאל קענען אריינגיין אינווייניג.

**קומט** אויס, אז די מגבעות וואס דער כהן האט אנגעהאט, האט אים געגעבן א פראכט, אז עס איז אזוי חשוב זיין עבודה פארן אייבערשטען, אז ווען ער קומט אריין טון די עבודה אינעם משכן, הייבט זיך אויף דער משכן, [אדער ער ווערט קלענער, איך ווייס נישט פונקטליך ווי אזוי עס האט געארבעט], אז ער זאל קענען אריינגיין. ומגבעות תעשה להם לכבוד ולתפארת, די מגבעות איז געווען פאר אים א כבוד און א תפארת. ווען ער וואלט נישט געהאט די מגבעות וואלט ער געקענט אריינגיין נאטורליך אינעם משכן, די מגבעות האבן צוגעברענגט דערצו, אז ער האט געדארפט האבן א נס ער זאל קענען אריינגיין אינעם משכן, און דאס איז געווען לכבוד ולתפארת פארן כהן, אז זיין עבודה איז חביב פארן אייבערשטען.

*

**מען** געפונט ביי קרח וואס האט געוואלט כהונה, פרעגט רש"י (במדבר טז-ז), וקרח שפקח היה מה ראה לשטות זה, ער איז געווען א פקח, וואס האט ער איינגעזעהן אזא שטות. מה ראה לשטות זה? ער וויל די כהונה! דאס רופט מען אן אז עס איז א שטות? אוהב מצות לא ישבע מצות, ער האט געוואלט האבן די כהונה אויך. נאר, קרח איז דאך געווען א לוי, און אז ער האט געוואלט האבן כהונה, האט ער דאך געדארפט אנטון די בגדי כהונה. און אז ער טוט אן די בגדי כהונה, ווערט ער דאך העכער פון צען אמות, וועט ער נישט קענען אריינגיין אינעם משכן נאר בדרך נס. איז מילא די כהנים וואס דער אייבערשטער האט מצווה געווען אז זיי זאלן אריינגיין אינעם משכן, פאר זיי וועט געשען א נס אז זיי זאלן קענען אריינגיין. אבער קרח שפקח היה, קרח וואס איז געווען א פקח, האט ער דאך געדארפט פארשטיין, אז ווען ער וועט אנטון די בגדי כהונה, און דער אייבערשטער האט אים נישט געהייסען אז ער זאל טון די עבודה, ווען ער וועט אנקומען צום משכן, וועט ער נישט קענען אריינגיין, וועט ער דאך ווערן א געלעכטער. וקרח שפקח היה, מה ראה לשטות זה, וואס האט ער איינגעזעהן די שטות אז ער האט געבעטן כהונה, ווען ער האט געוואוסט אז דער אייבערשטער האט אים נישט געגעבן קיין כהונה, וועט ער דאך נישט קענען אריינגיין אינעם משכן טון די עבודה.

*

**איך** האב געזעהן אין **רבינו בחיי** (בפרשתנו), אז ער שטעלט זיך, אז די כהנים וואס האבן געטון די עבודה אינעווייניג אינעם משכן, און אינעם בית המקדש, זענען געווען זייער גרינג געקליידעט. זיי האבן נישט געהאט מער פון א כתונת מיט די מכנסיים. קורצע הויזן, מיט איין העמד, אזוי ווי א אונטער העמד, און מיט דעם האבן זיי געטון די עבודה. און זיי זענען געגאנגען בארוועס, אן קיין שיך, און עס איז געווען זומער און ווינטער, עס איז געווען צייטן וואס עס איז געווען גוט קאלט, אזוי ווי עס איז אין ירושלים, און אזוי איז ער ארומגעגאנגען בארוועס און ער האט געטון די עבודה. זאגט ער, אז נארמאלערהייט איז נישט מעגליך שלא יחלו ולא ימותו, די כהנים זאלן נישט קראנק ווערן, און זיי זאלן שטארבן. נאר זיי האבן געהאט א הבטחה פונעם אייבערשטען, חקת עולם לו ולזרעו אחריו (שמות כח-מג), אז כאטש בדרך הטבע קענען זיי נישט אזוי עקזיסטירן, וועלן זיי קענען טון די עבודה.

**קומט** אויס אז די גאנצע עבודה פון די כהנים וואס מען האט געקענט טון, איז נאר געווען ווייל מען האט געהאט א עקסטערע ברכה פונעם אייבערשטען, אז זיי זאלן נישט קראנק ווערן און קענען טון די עבודה. אבער אויב פאר קרח האט מען נישט מצווה געווען די כהונה, קומט דאך אויס אז ער וועט נישט האבן די ברכה וואס דער אייבערשטער האט געגעבן. איז קרח שפקח היה מה ראה לשטות זה, פארוואס האט ער געטראכט אז ער קען טון די עבודה. טון די עבודה מיט א כתונת און מכנסיים, אין קאלטע טעג, וואלט אים צוגעברענגט דערצו שיחלה וימות. נאר עינו הטעתו, ער האט געזעהן אז א גרויסע שלשלת קומט ארויס פון אים, ער וועט האבן זכותים, און פאר אים וועט ביישטיין אז ער וועט קענען אריינגיין, און ער וועט נישט קראנק ווערן. - ווען עס קומט צו כבוד פארלירט זיך דער מענטש דעם קאפ און שכל, און ער טוט זאכן וואס איז נישט אויסגערעכנט.

*

***יום שני פרשת כי תשא***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית מילה של בן הר"ר **אהרן מאיר מייזנער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סלאנים. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת סאמעט שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **מרדכי יצחק סאמעט** ע"ה).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב ערך **רבינו שליט"א** סעודת פורים קטן ברוב עם בהיכל בית מדרשנו בוומסב"ג. **רבינו שליט"א** נטל ידיו לסעודה, ונשמעו ניגוני שמחה וצהלה על ידי מקהלת מנגנים לכבוד היום. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש, דברים נפלאים בעניני יום הפורים וקיום מצותיה (נדפס בגליון '**דברי תורה**').

אחר אמירת הדברי תורה עמד **רבינו שליט"א** בריקודי שמחה, ונשמעו דברי בדחנות מאת הר"ר **אלי' שווייצער** הי"ו. **רבינו שליט"א** בירך על הכוס, ועברו כל הקהל לכוס של ברכה.

*

***יום שלישי פרשת כי תשא***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **משה מאיר בראדי** הי"ו, **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה פארציילט די תורה, אז יודען זענען נכשל געווארן, און מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, ויאמרו אלה אלהיך ישראל. און דער אייבערשטער האט געזאגט, ועתה הניחה לי, ויחר אפי בהם ואכלם, דער באשעפער האט געוואלט ח"ו מכלה זיין כלל ישראל. און משה רבינו האט זיך אויסגעבעטן, און ער האט צוזאמגערופן די בני לוי, אז מען זאל ארויסגיין הרג'ענען די אלע וואס האבן חוטא געווען ביים חטא העגל. ויאמר משה, מלאו ידכם היום לה', פילט זיך אן ענקערע הענט היינט פארן אייבערשטען, כי איש בבנו ובאחיו (שמות לב-כט),. די פיר ווערטער מ'לאו י'דכם ה'יום ל'ה', איז די ראשי תיבות מיל"ה. די מפרשים זאגן שוין כוונות דערין, ווי עס קומט אהער מצות מילה צו דעם ענין.

**עס** איז היינט פורים קטן, עס האט געדארפט זיין פורים גדול, נאר מיסמך גאולה לגאולה עדיף (מגילה ו:), האט מען אפגעשטופט פורים אויפן צווייטען אדר, כדי עס זאל זיין נאנט צו ניסן. אויסער די נס וואס איז געשען דעמאלטס, האט פורים אין זיך נאך א ענין פון א יום טוב. די גמרא (שבת פח.) זאגט, אז ווען מען האט מקבל געווען די תורה, האט מען עס מקבל געווען בכפיה, כפה עליהם הר כגיגית, מען האט זיי געצווינגען, אם אתם מקבלים את התורה מוטב, ואם לאו שם תהא קבורתכם. זאגט די גמרא, מכאן מודעא רבא לאורייתא, אויב מען זינדיגט, האבן יודען א תירוץ, מען קען זיי נישט מעניש זיין, ווייל מען האט זיי געצווינגען מקבל צו זיין די תורה, און א זאך וואס מען טוט געצווינגענערהייט, איז א מענטש נישט פאראנטווארטליך. זאגט די גמרא, אף על פי כן הדר קבלוהו בימי אחשורוש, די אלע תירוצים זענען נאר גוט געווען ביז ימי אחשורוש,

אין די צייטן פון אחשורוש האבן יודען נאכאמאל מקבל געווען די תורה בשמחה. קימו וקבלו עליהם (אסתר ט-כז), קימו מה שקבלו כבר, מאהבת הנס האבן יודען נאכאמאל מקבל געווען די תורה מיט א שמחה, און זיי האבן באשטעטיגט דאס וואס זיי האבן מקבל געווען. קומט אויס, אז די תירוצים וואס מען האט אויף א חטא, איז נאר ביז ימי אחשורוש. פון ימי אחשורוש און ווייטער, האט מען מקבל געווען די תורה מתוך שמחה.

**דער מהרש"א** שטעלט זיך אויף א קשיא, און ער פרעגט א דבר פלא. אז עס קומט אויס, אז ביז ימי אחשורוש, ווען א מענטש האט געזינדיגט, קען מען אים נישט מעניש זיין, ווייל ער האט א מודעא רבא, מען האט אים געצווינגען מקבל צו זיין די תורה. מען זעהט דאך אז גאנץ נ"ך איז פול, אז יודען האבן געזינדיגט, און דער אייבערשטער האט זיי באשטראפט. פארוואס? מען האט דאך מקבל געווען די תורה בכפיה. דער **מהרש"א** ברענגט צו א תוספות (שבת פח.) וואס זאגט, אז בימי יהושע האט מען מקבל געווען נישט צו דינען עבודה זרה. יהושע האט געמאכט א ברית מיט יודען, אז מען וועט נישט דינען מער עבודה זרה. קומט אויס, אז עבודה זרה האט מען שפעטער בימי יהושע מקבל געווען מרצון, און פון יהושע'ס צייטן, אז מען האט געזינדיגט מיט עבודה זרה, איז נישט געווען קיין תירוץ אז עס איז געווען בכפיה, ווייל מען האט עס מקבל געווען מיטן אייגענעם רצון אז מען וועט נישט דינען קיין עבודה זרה.

**דער רשב"א** (הובא **בהכותב בעין יעקב** שבת פח.) פרעגט אויך די קשיא, און דער **רשב"א** זאגט, אז ארץ ישראל האט דער אייבערשטער אונז געגעבן א מתנה נאר אויב מען וועט האלטן די תורה, שנאמר (תהלים קה-מד) ויתן להם ארצות גוים וגו', בעבור ישמרו חוקיו ותורותיו ינצורו. ווען א מענטש גיט א מתנה פאר יענעם, און ער נעמט זיך אויס מיט אים א תנאי, איז יענער מחוייב צו האלטן דעם תנאי, און אז נישט, קען ער צונעמען די מתנה. אז יודען האבן נישט געהאלטן וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, אויף דעם ארויף האט דער אייבערשטער נישט געגעבן ארץ ישראל, איז מען געגאנגען אין גלות, און מען האט צוגענומען פון אונז ארץ ישראל. איז פארענטפערט צוויי זאכן. עס איז פארענטפערט פארוואס אויף עבודה זרה איז מען נענש געווארן, ווייל דאס האט מען מקבל געווען בימי יהושע. און עס איז פארענטפערט, אז ארץ ישראל באקומט מען נאר ווען מען האלט די תורה.

**איך** האב נישט געזעהן זיך שטעלן דערויף, אבער עס מוז זיין אז מען שטעלט זיך שוין פון פריער. קומט אויס, אז ביז יהושע'ס צייטן, אויב מען האט געזינדיגט, איז דא א מודעא רבא לאורייתא, אז מען האט עס מקבל געווען בכפיה. אויב אזוי, פארוואס האט דער אייבערשטער געוואלט מכלה זיין יודען ביים חטא העגל. דער באשעפער האט געזאגט ואכלם, מען האט דאך מקבל געווען די תורה נאר בכפיה, און עס איז דא א מודעא רבא לאורייתא, פארוואס קומט ואכלם. אלע תירוצים וואס מען ענטפערט, יהושע, און ארץ ישראל, זענען נישט נוגע דא, מען האלט דאך דא פאר יהושע, און פאר ארץ ישראל, און פון דעסטוועגן דאך האט דער אייבערשטער געזאגט, אז ער וועט זיי מכלה זיין (עיין **בחידושי הריטב"א** שבת פח. ועיין עוד **בשמן ראש** חלק תשיעי דף סד).

**איך** האב געטראכט, מען ווייסט אז יעדער יוד איז גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פארן אייבערשטען. ווען עס קומט א זמן פון א נסיון, זיך שמד'ן, איבערלאזן דעם באשעפער און דינען עבודה זרה, האבן אנשים נשים וטף אין אלע דורות געוויזען אז זיי האבן זיך מוסר נפש געווען, אפילו די פשוט'סטע יודען אויך. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער טעם דערפון איז, ווייל דאס האט מען געהערט פונעם אייבערשטען אליין. ווען מען איז געשטאנען ביים בארג סיני, האט מען געהערט פונעם אייבערשטען אנכי ה' אלקיך, לא יהיה לך אלהים אחרים, און א זאך וואס מען האט געהערט פונעם אייבערשטען אליין, איז אריינגעגאנגען אין די ביינער פונעם מענטש, אז ער קען נישט טון אנדערש. ער קען נישט עובר זיין אויף אנכי ה' אלקיך, און לא יהיה לך אלהים אחרים, אפילו א פשוט'ער מענטש איז זיך גרייט צו הרג'ענען, און האבן מסירת נפש אויף דעם.

**זעהט** מען וואס פארא כח עס האט דער דיבור פונעם אייבערשטען, ווען א מענטש הערט דעם מאמר ה'. עס איז ניתן להאמר, אז אפילו מען האט מקבל געווען די תורה בכפיה, מען האט געצווינגען

צו קבלת התורה, אבער אנכי ולא יהיה וואס מפי הגבורה שמענו, וואס מיר האבן געהערט פונעם אייבערשטען אליין, וואס יעדער יוד איז געשטאנען ביי מתן תורה, און ער האט געהערט אז דער אייבערשטער האט געזאגט אנכי ה' אלקיך, לא יהיה לך אלהים אחרים, האט ער עס מקבל געווען נישט בכפיה. ער האט עס געהערט פונעם רבונו של עולם אליין, איז עס אריין אינעם מענטש, אז ער איז גרייט אויף מסירת נפש, און ער האט עס מקבל געווען מתוך שמחה. איז אויף די עבירה פון עבודה זרה, איז נישט דא קיין מודעא רבא לאורייתא, ווייל דאס האט מען געהערט פונעם אייבערשטען, און בשעת מען הערט א דיבור פונעם אייבערשטען, וואס בנים אתם לה' אלקיכם, איז יעדעס קינד וואס הערט פונעם טאטען אליין אז ער האט אזוי געזאגט, אויף דעם וועט ער נישט עובר זיין. האט ער עס מקבל געווען מתוך שמחה. אנדערע מצות וואס מען האט נאר געהערט פון משה רבינו, וואס מען האט מקבל געווען שפעטער, אויף דעם קען מען זאגן אז מען איז געווען געצווינגען אז מען זאל עס מקבל זיין. - חטא העגל האט אנגעריערט אין אנכי ה' אלקיך, און אין לא יהיה לך אלהים אחרים, וואס דאס האט מען מקבל געווען ברצון, און אז מען האט עס מקבל געווען ברצון, איז ממילא אויף דעם האט דער אייבערשטער געוואלט מעניש זיין.

**מצות** מילה זאגט די גמרא (שבת קל.) אז מען האט עס מקבל געווען בשמחה. ווען אברהם אבינו האט געהערט פונעם אייבערשטען אז מען דארף זיך מל'ן, האט ער געהאט א שמחה. און אז ער האט עס מקבל געווען בשמחה, איז עדיין עושין אותה בשמחה, יעדע טאטע און מאמע גיט איבער א קינד צו מל'ן. א אנדערע מאל וואלט ער נישט געלאזט אפילו צורירן צו א קינד, און יעצט לאזט ער פארגיסן דאס בלוט פונעם קינד. און עס איז בשמחה, ער מאכט נאך א סעודה דערויף, ווייל מען האט עס מקבל געווען בשמחה. קומט אויס, אז מילה דאס איז דער סימבאל פון א מצוה וואס מען האט מקבל געווען בשמחה.

**האט** משה רבינו געזאגט פאר די בני לוי, מען דארף הרג'ענען די אלע וואס האבן געדינט עבודה זרה. ווערסטו דאך פרעגן פארוואס, עס איז דאך דא א מודעא רבא לאורייתא, מען האט געצווינגען מקבל צו זיין די תורה. און אז מען האט עובר געווען דערויף, פארוואס קומט זיך מיתה. האט משה רבינו געזאגט, מ'לאו י'דכם ה'יום ל'ה', מיל"ה, דאס האט מען מקבל געווען אזוי ווי מצות מילה. מילה איז דאך קבלו עליהם ישראל בשמחה, אנכי ולא יהיה וואס מען האט געהערט פונעם אייבערשטען אליין, האט מען מקבל געווען בשמחה, איז וועגן דעם איז מלאו ידכם היום לה', כי איש בבנו ובאחיו, מען זאל נישט קוקן אויף גארנישט, און מען זאל מכלה זיין די אלע וואס האבן געזינדיגט.

**דאס** איז דער יום טוב פון פורים קטן, אפילו מען האט אפגערוקט אלע מצות החג אויף שפעטער, דאס איז נאר וואס איז נוגע צום נס פון המן, דאס איז אפגערוקט געווארן אויף שפעטער, ווייל מען האט געוואלט מסמיך זיין גאולה לגאולה, אבער די שמחה וואס איז דא אז מען האט מקבל געווען די גאנצע תורה בשמחה, דאס דארף מען נישט ווארטען ביז אדר שני, די קבלה קען זיין אין אדר ראשון אויך, און מען דארף מאכן א שטיקל יום טוב אויף דעם. די גמרא (פסחים סח:) זאגט דאך אויף שבועות, אז כולי עלמא מודים דבעינן נמי לכם, משום דהוי יום שניתנה בה תורה. הייננט איז אויך א יום שניתנה בה תורה, הייננט האט מען מקבל געווען די תורה בימי אחשורוש.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל מסיבה מפוארה לטובת בניית בית מדרשנו החדש 'תפארת יהושע' וויען במאנסי, שהתקיימה בבית הר"ר **אלעזר יואל וויינבערגער** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**פותחין** בכבוד האכסניא, איך וויל אנהייבן מיטן כבוד פון ר' אלעזר יואל, וואס האט אהערגעשטעלט זיין שטוב פאר א בית וועד פאר צדקה וחסד. אויסער דעם וואס ער גיט זיך אליין אוועק בגופו פארן בית המדרש, אוהב מצות לא ישבע מצות, האט ער געמאכט די מסיבה דא. זאל אים דער באשעפער

באצאלען, עס זאל אים אלעס גרינג אנקומען, און ער זאל מצליח זיין אין וואס ער טוט.

**אין** די גמרא (יומא יב.) וואס מען לערנט יעצט אין די חבורה פון 'ובהם נהגה', איז דא א שמועס, צו דעם מקום המקדש האט מען צוטיילט פאר די שבטים, צו נישט. ווען מען האט צוטיילט ארץ ישראל, צו ירושלים איז צוטיילט געווארן פאר איינע פון די שבטים, אדער מען האט אויסגעלאזט ירושלים, און מען האט עס נישט צוטיילט. דער טעם פון דעם וואס האלט אז מען האט עס נישט צוטיילט איז, ווייל דער בית המקדש האט געדארפט ווערן אויפגעבויט פון געלט פונעם גאנצן כלל ישראל. מען האט נישט געקענט נעמען א חלק וואס ראובן האט באקומען, און ער גיט רשות צו בויען דעם בית המקדש אין זיין פלאץ. נאר יעדער איינער פון כלל ישראל מוז האבן א חלק דערין. אזוי שטייט דער לשון אין פסוק (דברים יב-ה) המקום אשר יבחר ה' אלקיכם מכל שבטיכם. מען האט נישט צוטיילט ירושלים, ווייל ווען מען וועט בויען א בית המקדש, דארף יעדער יוד האבן א חלק דערין. עס איז מיין מקום, עס איז מיין פלאץ, און אין מיין מקום האט מען געבויט דעם בית המקדש.

**אפילו** די וואס לערנען אז מען האט מחלק געווען ירושלים, און יהודה מיט בנימין האבן באקומען ירושלים, און דער מקום המקדש איז אויסגעקומען אינדערמיט. א חלק איז געווען בחלקו של בנימין, און א חלק איז געווען בחלקו של יהודה. פון דעסטוועגן דאך, האבן זיי נישט געקענט אוועקגעבן זייער פלאץ, אונז געב מיר רשות צו בויען א בית המקדש. רש"י זאגט, אז ווען דוד המלך האט אפגעקויפט דעם פלאץ פון ארונה, האט ער צוזאמגענומען געלט פון גאנץ כלל ישראל, אז יעדער יוד האט געהאט א חלק אינעם מקום המקדש. זעהט מען אז ווען דער אייבערשטער פארלאנגט א פלאץ פאר השראת השכינה, דארף יעדער יוד האבן א חלק דערין.

**מיר** האבן היינט נישט קיין בית המקדש, אבער מיר האבן א מקדש מעט, די בתי כנסיות און בתי מדרשות וואס איז דא, דאס איז א מקדש, דאס איז די ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח), דער אייבערשטער רוהט אויף דעם פלאץ. אזוי איז משמע אין די גמרא (מגילה כט.), אז עס זענען געווען בתי מדרשות אין בבל, וואו מען האט געהערט אז די שכינה האט זיך ארומגעדרייט דארט. און א בית המדרש איז א געוואלדיגער זכות פאר יעדן איינעם וואס האט א שייכות דערין. אפילו ער קומט נאר דאווענען דארט, דאס איז מיין מקום, איך האב א חלק דערין, איך האב עס געהאלפן אויפבויען.

*

**איך** האב געטראכט צו זאגן א זאך, און איך מיין אז עס איז לאמיתה של תורה. מען זעהט אז די נשיאים האבן נישט געברענגט תיכף זייער נדבה, זיי האבן געזאגט, יעדער זאל ברענגען וואס עס פעלט אויס, און מיר וועלן נאכדעם משלים זיין וואס עס וועט אויספעלן, מיר וועלן אלעס גומר זיין. זיי האבן געטראכט, אז מען וועט נישט אזוי שנעל געבן געלט, און עס וועט בלייבן פאר זיי גענוג וואס זיי וועלן קענען משלים זיין. דערווייל האבן זיך יודען מזרז געווען, און זיי האבן געברענגט נדבת המשכן, אז עס איז נישט געבליבן פאר זיי וואס צו ברענגען. חלשה דעתם, זיי האבן געהאט חלישת הדעת. כאטש זיי האבן געמיינט גוט, פון דעסטוועגן דאך זאגט דער מדרש (במדב"ר יב-טז), אז נשאים (שמות לה-כז) איז חסר יו"ד, עס פעלט פון זיי א אות, ווייל זיי האבן זיך מתעצל געווען. אבער דער אייבערשטער האט צוגעפירט, אז זיי האבן געברענגט צוויי זאכען. זיי האבן געברענגט אבני שוהם און אבני מילואים, און די שמן המשחה וואס האט אויסגעפעלט צו זאלבן דעם משכן. פארוואס האט דער אייבערשטער אזוי צוגעפירט, אז זיי האבן געברענגט די נדבה. פון הימל האט מען טאקע געוואלט אז עפעס זאל בלייבן פאר זיי, האט מען עפעס אויסגעלאזט וואס זיי זאלן קענען ברענגען. אבער פארוואס האט מען פון הימל אזוי צוגעפירט, אז דאס איז געווען זייער נדבת המשכן.

**די** פאריגע וואך אין די פרשה, רעדט די תורה אז מען זאל מאכן די בגדי כהונה. ועשית בגדי קודש לאהרן אחיך, לכבוד ולתפארת (שמות כח-ב). די מפרשים שטעלן זיך, אז ווען מען האט אנגעטון די בגדי כהונה, איז עס געווען זייער שיינע בגדים, בגדי מלכות, אז ווער עס טוט עס אן, איז עס א כבוד פאר אים. עס גיט א פראכט פאר א מענטש, ווען ער איז שיין אנגעטון. אבער ווען מען האלט ביי די עשיה,

ווען מען רעדט פון מאכען די בגדי כהונה, קומט נישט אריין אז מען זאל עס מאכען לכבוד ולתפארת. די לבישה, ווען מען טוט עס אן, טוט מען אנטון א מענטש מיט א שיינעם בגד לכבוד ולתפארת. פארוואס האט די תורה געזאגט, 'ועשית' בגדי קודש לאהרן אחיך לכבוד ולתפארת. פארוואס דארף ער עס ארויסברענגען דא ביי די עשיה, אז דאס איז בגדים וואס איז לכבוד ולתפארת.

**נאכדעם** געפונט מען, אז עס איז דא א דרש אין די גמרא (יומא כג:), ולבש הכהן מדו בד (ויקרא ו-ג), דער כהן זאל אנטון א העמד פון לען. פארוואס רופט ער עס אן 'מדו'. שתהא כמדתו, ווען מען מאכט די בגדים פון די כהונה, מאך עס צו זיין מאס. יעדער כהן, וואס פאר א מאס ער איז געווען, א הויכער, א נידריגער, א פעשער, האט מען צוגעפאסט בגדים אז עס זאל זיין כמדתו. פארוואס דארף די תורה פארציילען אז מען זאל עס מאכען כמדתו. עס וואלט געווען די הוה אמינא, אז מען זאל אנטון פאר א הויכען מענטש א קורצען בגד, אדער פאר א נידריגן מענטש א לאנגען בגד. אוודאי אז מען מאכט א בגד פאר א מענטש, מאכט מען עס כמדתו. וואס האט די תורה געדארפט מדגיש זיין, אז מען זאל מאכען מדו בד, כמדתו.

**איך** האב געטראכט, מען געפונט אין נ"ך, ווען דוד איז אנגעקומען צו שאול המלך, האט אים שאול געגעבן זיין בגד אז ער זאל עס אנטון, איז דער לשון אין פסוק (שמואל א יז-לט), וילבש שאול את דוד מדיו. זאגט רש"י, אז שאול איז געווען א הויכער מענטש, משכמו ומעלה גבוה מכל העם (שם ט-ב), און דוד איז נישט געווען אזוי הויך על כל פנים ווי שאול. און ווען ער האט אנגעטון די בגדים פאר דוד המלך, איז צוגעפאסט געווארן די בגדים פון שאול פאר דוד. ווען שאול האט דאס געזעהן, האט ער פארשטאנען אז דוד גייט זיין א מלך, און פון דעמאלטס אן האט ער געהאט א שלעכט אויג אויף דוד המלך. די גמרא (יבמות עו:) זאגט, אז שאול המלך האט געפרעגט, צו ער קומט פון זרח, צו ער קומט פון פרץ, ווייל ער האט געזעהן אז די בגדים זענען צוגעפאסט געווארן. דוד האט באמערקט אז עס איז געטוישט געווארן די בגדים, און אז שאול האט דערפון א שלעכט אויג אויף אים, האט ער געזאגט, אז עס איז אים זייער שווער אנצוטון די בגדים, ער איז נישט צוגעוואוינט צו די בגדים, און ער האט עס אויסגעטון. זעהט מען, אז עס איז אמאל שייך, אז ווען מען טוט אן פאר איינעם א בגד, און יענער איז ראוי דערצו, ווערט דער בגד צוגעפאסט צום מענטש.

**אין** מדבר זענען דאך געווען כהנים נדב ואביהוא און אלעזר מיט איתמר, די גרעסטע וואס זענען געווען אין כלל ישראל. וואלט מען דאך געקענט זאגן, פארוואס דארף מען מאכן בגדים וואס זאלן זיין צוגעפאסט צו זייער מאס. א כהן, און כל שכן א כהן גדול, ווען ער וועט אנטון די בגדי כהונה וועט עס פון זיך אליין ווערן צוגעפאסט צו זיין מאס. קען מען דאך מאכן פשוטע בגדים, און מען דארף נישט קוקן פונקטליך ווי אזוי די מאס וועט זיין דערפון, און ווען ער וועט עס אנטון, וועט עס ווערן צוגעפאסט צו זיין מאס. האט די תורה געדארפט זאגען, ולבש הכהן מדו בד, שתהא כמדתו, פארלאז זיך נישט אויף דעם, אז ווען ער וועט זיין ראוי צו די בגדים, וועלן די בגדים ווערן צוגעפאסט צו אים. נאר מען מוז מאכן די בגדי כהונה אן קיין נסים. - זאגט די תורה, ועשית בגדי קודש, דו זאלסט מאכן אזעלכע בגדי קודש, לכבוד ולתפארת, ווען דו מאכסט די בגדים, זאל עס שוין זיין לכבוד ולתפארת. נישט ער האט געמאכט בגדים וואס איז נישט לכבוד ולתפארת, און ווען ער וועט עס אנטון וועט עס ווערן לכבוד ולתפארת, נאר ועשית בגדי קודש לאהרן אחיך, מאך עס בדרך הטבע, עס זאל זיין לכבוד ולתפארת.

*

**עס** שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז דער אייבערשטער האט געזאגט מען זאל מאכן די בגדי קודש, און נאכדעם האט ער געזאגט והלבשת אותם את אהרן אחיך ואת בניו אתו, דו זאלסט אנטון די בגדים פאר אהרן מיט די קינדער, ומשחת אותם וגו', און נאכדעם זאלסטו זיי זאלבן, וקדשת אותם וכהנו לי (שמות כח-מא). דער **אור החיים הק'** זאגט, אז עס האט געדארפט זיין דוקא אויף דעם וועג, והלבשת אותם, קודם האט מען אנגעטון די בגדי כהונה פאר די כהנים, און נאכדעם האט מען געדארפט מושח זיין דעם כהן גדול. נאכדעם וואס מען האט אנגעטון די בגדים, נאכדעם זאל מען מושח זיין. אנדערע צייכענען צו, אז אין **רמב"ם** (הל' כלי המקדש ד-יב) איז מבואר פארקערט, אז מען האט קודם געזאלבט דעם כהן, און נאכדעם האט מען אים אנגעטון די בגדים.

**עס** קען זיין אז די תורה דארף מדגיש זיין והלבשת אותם וגו' ומשחת אותם. מען געפונט אין חז"ל (ילקוט תהלים תשנ) נאך א דבר פלא. ווען מען האט געזאלבט דעם כהן, און דאס זעלבע א מלך, מיט די שמן המשחה, האט די שמן המשחה משנה געווען דעם מענטש פון וואס ער איז געווען פריער. אם היה קצר, אויב ער איז געווען א נידריגער, היה מאריך, האט ער זיך אויסגעצויגען. אויב ער האט געהאט פניו רעות, ער האט נישט גוט אויסגעקוקט, האט ער אנגעהויבן גוט אויסצוזעהן. דער כהן גדול האט געדארפט זיין מופלג בנוי, און גדול בכח, דער שמן המשחה האט משבח געווען דעם מענטש, מיט אלעם וואס ער האט געדארפט האבן.

**קומט** אויס, אז אויב עס איז געווען א נידריגער כהן, און מען האט אים מושח געווען, און ער איז געווארן הויך, וואס טוט זיך מיט זיינע בגדים? מען האט דאך אים געמאכט בגדי כהונה וואס איז געווען צוגעפאסט פאר אים, און דער כהן איז געווען א נידריגער, און ווען מען וועט אים זאלבן מיט די שמן המשחה וועט ער ווערן הויך, וואס וועט יעצט זיין מיט זיינע בגדים? איז דאך על כרחך, אז אויב עס געשעהט א נס אז דער מענטש ווערט הויך, געשעהט די נס אויך אז די בגדים ווערן לענגער. וואלט דאך געווען א סברא צו זאגן, אז מען דארף קודם מושח זיין דעם כהן, אים צושטעלן צו זיין מאס וואס ער איז, און נאכדעם וועט מען מאכן די בגדים, אז עס זאל זיין צו די מאס פונעם כהן. ווייל טאמער איך וועל אים קודם אנטון די בגדים, און נאכדעם וועל איך אים זאלבן, און דער כהן וועט נשתנה ווערן פון וואס ער איז געווען, וועלן דאך די בגדים נישט זיין צוגעפאסט פאר אים. זאגט די תורה הק', ניין, והלבשת אותם, דו זאלסט אנטון די בגדים פארן כהן, און נאכדעם ומשחת אותם, נאכדעם זאלסטו אים זאלבן. און אפילו דו ווערסט אים זאלבן שפעטער, און ער וועט העכער ווערן, וועלן זיך די בגדים אויסגראדן צוזאמען מיט אים. האט די תורה געמוזט מדגיש זיין, אז אפילו נאכן והלבשת אותם, אפילו נאכדעם וואס ער האט שוין אן די בגדים, ומשחת אותם, קענסטו אים אויך מושח זיין.

*

**דער** אייבערשטער האט געהייסען, אז מען זאל אויך מושח זיין די כלים וואס איז געווען אינעם משכן. אוודאי ליגט דערין א העכערער ענין וואס די משיחה איז געווען, אבער עס איז ניתן להאמר, אז אזוי ווי די שמן המשחה וואס מען האט געזאלבט א מלך, צו ווען מען האט געזאלבט א כהן, אויב עס האט עפעס געפעלט אין אים איז ער נשתנה געווארן לעילוי פון וואס ער איז געווען. די זעלבע ווען מען האט ארויפגעלייגט די שמן השמחה אויף דעם משכן, אויב עס איז עפעס געווען א פעלער אינעם משכן, וואס איז נישט געווען ווי עס דארף צו זיין, עס איז נישט געווען געהעריג שיין געלונגען, צו עס איז עפעס געווען אין די כלים וואס מען האט מושח געווען, אז די כלים זענען נישט געווען געהעריג צוגערישט, האט עס די משיחה משנה געווען, און עס איז געווארן אויסגעגראדט. אויב די משיחה האט אזא כח אויף א מענטש, צו מאכן דעם מענטש אז ער זאל ווערן נשתנה בנוי ובכח, פון קצר ארוך, האט עס אויך משנה געווען די משכן מיט די כלים.

**האט** דער אייבערשטער געהייסען אז נאכדעם וואס אלעס איז פארטיג, כאטש מען האט עס געטון די בעסטע וואס מען האט געקענט, אבער א מענטש איז דאך נאר א מענטש, אפשר וועט זיין א זאך וואס איז נישט געלונגען אזוי ווי עס דארף צו זיין. אפשר איז דא א זאך וואס קען ווערן שענער פון וואס עס איז געווען, האט דער אייבערשטער געהייסען אז מען זאל מושח זיין די משכן, און מען זאל מושח זיין די כלים, און דאס האט אויסגעגראד אלעס וואס האט געפעלט ביז יעצט, און עס איז געווארן אויפן פלאץ.

**די** נשיאים זענען געווען גרויסע לייט, זיי זענען געווען בעלי רוח הקודש, זיי האבן געברענגט די קרבנות, און יעדער האט מכוון געווען צו ברענגען פונקטליך דעם זעלבען קרבן, ווי דער **רמב"ן** (במדבר ז-ב) זאגט. און די נשיאים האבן נישט געברענגט צום נדבת המשכן, ווייל זיי האבן געהאט א חשבון אז זיי וועלן זיין די וואס וועלן גומר זיין דעם משכן. אין המצוה נקראת אלא על מי שגומרה (סוטה יג:), זיי וועלן זיין די לעצטע וואס דארפן צושטעלן צום פלאץ, וועלן זיי גומר זיין און זיי וועלן עס ברענגען. למעשה האט זיך אויסגעשטעלט אז מען האט זיי נישט געלאזט גומר זיין, ווייל יודען האט געברענגט אלעס וואס מען האט געדארפט. עס איז אבער געבליבן איין גמר פאר זיי, זיי וועלן ברענגען די שמן המשחה, און ווען מען וועט זאלבן אלע כלים פון

דעם משכן מיט די שמן המשחה, וועט עס דאך פארעכטעוען אלעס וואס האט געפעלט, און עס וועט נשתנה ווערן דעמאלטס לטובה. האט דער אייבערשטער באצאלט פאר די נשיאים, אז זיי האבן געבערענגט די שמן המשחה, און זיי האבן גומר געווען די מלאכת המשכן. וועגן דעם, האט דער אייבערשטער אויסגעלאזט אז מען זאל דאס נישט ברענגען, ווייל אזוי איז עס געבליבן פאר די נשיאים.

**מיר** האלטן אויך דא ביי דעם גמר פונעם בית המדרש, אויב איינער קען מנדב זיין שמן המשחה, עס זאל אויסגראדן די ווענט, אז עס זאל אלעס גראד ווערן, וואלט דאך גוט געווען. אבער עס וואלט נישט גוט געווען. ווייל די תורה הייסט אז מען זאל עס מאכן לכבוד ולתפארת. דו שטעל צו די בעסטע וואס מען קען, פארלאז זיך נישט אז די שמן המשחה וועט מסדר זיין אלעס, מיר דארפן טון וואס מיר קענען. מיר האלטן ביי דעם גמר, עס איז אין המצוה נקראת אלא על מי שגומרה, זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען גרינגערהייט גומר זיין דעם בית המדרש. עס איז א זכות פאר יעדן איינעם וואס האט א חלק אין די לימוד התורה און די תפלות. הייגט דארף זיין דאס בית המדרש, די צווייטע שטוב פון א יוד. און נישט די צווייטע שטוב, נאר די ערשטע שטוב. זיין פלאץ דארף זיין אין בית המדרש, ער דארף נאר אהיימגיין עסן, און טון צרכי הבית, אבער די איבריגע צייט דארף מען זיין אין בית המדרש, צו לערנען און דאווענען, ווייל אויף דעם זענען מיר אראפגעקומען אויף די וועלט. און אז מען שטעלט צו א פלאץ וואס עס זאל קענען זיין מיט הרחבת הדעת, איז עס א געוואלדיגער זכות. זאל דער אייבערשטער געבן, אז די אלע וואס האבן א שייכות און האבן א חלק דערין, און זיי טוען צוהעלפען דערצו, זאלן זיי געבענטשט ווערן מיט אלעס וואס זיי דארפן צו האבן, שפע ברכה והצלחה. עס איז די טעג פון שמחה, פון די ימי הפורים, זאל דער אייבערשער געבן, אז עס זאל זיין שמחות אין אלע יודישע שטובער, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת כי תשא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסדר קידושין אצל החופה של החתן **יונתן** ני"ו בן הר"ר **עקיבא יוסף פישער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם אליקים געציל גרינפעלד** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי.

אחר החופה הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת וויעדער שיחי', שישבו שבעה על פטירת הרבנית מלינז ע"ה (אשת הגה"צ **רבי בערל וויעדער** שליט"א אב"ד לינז).

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת ש"ב הרה"ג רבי **בנציון ראבינאוויטש** שליט"א (בן כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א, וחתן כ"ק הגה"צ מתולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל), עב"ג בן הרה"ג רבי **משה מאיר דאכנער** שליט"א (ר"מ בישיבת דברי חיים, חתן כ"ק האדמו"ר מאסטראוו קאלאשין שליט"א), שהתקיים באולם פרדס צבי. בשמחת החתונה רקד **רבינו שליט"א** עם בני המשפחה יחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** לזמן ממושך. אחר ברכת המזון והמצוה טאנץ של **כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א** נתכבד **רבינו שליט"א** במצוה טאנץ. **רבינו שליט"א** רקד לפני הכלה, והמשיך בריקודין עם החתן, ועם משפחת אחיו **הגה"צ אב"ד תולדות אהרן זצ"ל**, ויצא במחול עם **כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א**.

*

***יום חמישי פרשת כי תשא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, והמשיך בלימוד באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מעמד 'כבוד התורה' לתלמידי הישיבה גדולה (סיום מסכת קידושין שנלמדה בישיבתנו הק' בשנה שעברה, וסיום מסכת ראש השנה שנלמדה במסגרת חבורת 'ובהם נהגה'), שהתקיים בבית המדרש של הת"ת בוומסב"ג, בהשתתפות הורי התלמידים שיחי'. הרה"ג רבי **אלימלך שפיטצער** שליט"א (מנהל הישיבה) פתח את המסיבה, ודיבר בגודל מעלת ישיבתנו הק', שעומד על התורה, ועל המסורה, ועל עשה לך רב. אח"כ נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה**

**מרדכי שליט"א** לסיים מסכת ראש השנה, והשמיע מדברותיו. אחר כך נתכבד הבחור החשוב **יעקב רייך** נ"ו לסיים מסכת קידושין. אחר הריקודין של מצוה, נשמעו דברי תורה מאת הבחור החשוב **אהרן וויסבערג** נ"ו. בסיום המעמד השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו, וחילק הפרסים לתלמידי הישיבה שעמדו למבחן על מסכת קידושין.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א געוואלדיגע שמחה אטיילצונעמען ביי די סיום, סיי פון 'ובהם נהגה' און סיי פונעם סיום פון מסכת קידושין. מען האט פריער געהערט די חשיבות פון לימוד התורה, די חשיבות פון די בחורים, איך בין נישט דארט א גאנצען טאג, אבער על כל פנים **די צייט וואס איך בין דארט, קען איך זאגן, אז עס איז א געוואלדיגער תענוג צו זיצן מיט די בחורים אינאיינעם, וואס מען לייגט צו דעם קאפ צום לערנען, מען לערנט פלייסיג.** אוודאי וועט דער אייבערשטער העלפן אי"ה, אז מען זאל קענען מסיים זיין ווייטער אויך נאך אסאך מסכתות.

**פאר** איך וועל זאגן וואס איך האב צו זאגן, פיל איך פאר א געלעגנהייט יעצט משלים זיין א זאך וואס איך האב פארפעלט מוצאי שבת, בשעת איך האב גערעדט ביי די מלוה מלכה פאר די מתיבתא. אונזער חשובער גאסט ר' נחמן גרינצווייג זאל זיין געזונט, איז נתכבד געווארן מיטן פרס תפארת אבות, וואס באמת איז ער אלע יארן זייער איבערגעגעבן פאר די מתיבתא, ביי אלע דינער'ס בעהט מען אים צו רעדן. אין די פיר ווענט פון דעם בית המדרש איז ער נתחנך געווארן, דא האט ער מקבל געווען זיין תורה. און ב"ה היינט איז ער א חשובער מרביץ תורה פאר בחורים. זיין טאטע ר' יאיר זאל זיין געזונט, האט אזוי פיל כוחות אריין געלייגט דא אין דעם מקום, באצאלט עס דער אייבערשטער, אז ער זעט נחת ביי זיינע קינדער, נתן בנימין איז פון די מצויינים ביי אונז אין ישיבה, סיי אין תורה, סיי אין זיין דאווענען, סיי אין זיין הנהגה, זיינע מידות טובות וואס מען קען זיך פון אים לערנען. זאל אים דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אסאך שמחות און נחת ביי אלע קינדער.

**מיר** האבן היינט געלערנט אין **אור החיים הק'** (בשיעור השבועי בישיבה גדולה), אויף דעם וואס די תורה פארציילט, ויתן אל משה ככלתו לדבר אתו, ווען דער אייבערשטער האט געענדיגט צו רעדן מיט משה די תורה אויפן בארג סיני, האט ער אים געגעבן שני לוחות העדות, לוחות אבן, כתובים באצבע אלקים (שמות לא-יח), לוחות וואס איז געשריבן מיט די פינגער פונעם אייבערשטן. רש"י שטעלט זיך, ככלתו כתיב, חסר, שנמסרה לו תורה במתנה ככלה לחתן, דער אייבערשטער האט איבערגעגעבן די תורה פאר משה רבינו, אזוי ווי א כלה ווערט איבערגעגעבן צו א חתן, שלא היה יכול ללמוד כולה בזמן מועט כזה, עס איז נישט מעגליך אז א מענטש זאל קענען לערנען תורה אין פערציג טאג, און קענען קונה זיין כל התורה כולה, האט עס אים דער אייבערשטער געגעבן א מתנה. ויתן אל משה, דער אייבערשטער האט געגעבן פאר משה רבינו די תורה, ככלתו, אזוי ווי א כלה וואס איז נמסר פארן א חתן. - וואס עפעס איז דער צושטעל ככלה הנמסר לחתן, אזוי האט מען איבערגעגעבן די תורה. און ווי אזוי איז טאקע מעגליך אז משה רבינו האט געקענט קונה זיין די תורה אין אזא קורצע צייט, אין פערציג טאג האט אים דער אייבערשטער אריינגעגעבן כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש.

**ווען** א יוד ארבעט זיך אויס, און ער איז זוכה צו א מדריגה, איז די השגה וואס א יוד קען זוכה זיין עד אין שעור וערך. עס ווערט צו געברענגט פונעם **אר"י הק'**, אז **רבי חיים וויטאל** איז אמאל אריינגעקומען שבת נאכמיטאג, און ער האט געזען דעם אר"י הק' שלאפן. און ער האט געזען אז בשעת דער אר"י הק' איז געשלאפן, האבן זיך די ליפן באוואויגען. האט ער נאכדעם געפרעגט דעם אר"י הק', וואס דאס איז געווען. שרייבט רבי חיים וויטאל אז דער אר"י הק' האט אים געענטפערט, ווען איך בין געשלאפן בין איך ארויפגעגאנגען אויבן אין הימל, און איך האב געהערט תורה אין מתיבתא דרקיע, און דאס איז וואס דו האסט געהערט רעדן. האט ער אים געזאגט, אפשר זאל מיר דער רבי זאגן וואס מען האט געהערט דארטן. האט דער אר"י הק' געזאגט, מען האט עוסק געווען אין די מעשה פון בלק און בלעם, און אז איך זאל דיר זאגן וואס איך האב געהערט יעצט אין די שעה וואס איך בין געשלאפן, אפילו ווען איך וועל אכציג יאר רעדן די גאנצע טאג, קען איך נישט איבערגעבן וויפיל איך האב קונה געווען אין די שעה. - קודם ווייסן מיר ווי גרויס תורה איז, אז אין פרשת בלק איז דא צו רעדן אכציג יאר. און

ער האט דאס קונה געווען אין איין שעה שלאפן. פארוואס נאר אין שלאף, פארוואס האט ער עס נישט זוכה געווען בהקיץ. ווייל די גוף פון א מענטש שטערט, אז מען קען נישט זוכה זיין צו תורה. גשמיות מיט רוחניות גייט נישט צוזאמען. אז מען ליגט אין עסן, אז מען ליגט אין הבלי עולם הזה, קלעפט זיך נישט אן די תורה. ווען א מענטש שלאפט, ער איז אויסגעטון פון דעם עולם, אויב ער איז זוכה דעמאלס, אז זיין נשמה קען ארויפקומען אויבן, קען ער קונה זיין תורה אן א שעור.

**עס** איז דא א מדרש (ילקוט שמואל קכט), אז דוד המלך איז געווען ביי שמואל הנביא, און זיי האבן עוסק געווען בנוית ברמה, זיי האבן עוסק געווען וואו דער מקום פונעם בית המקדש דארף צו זיין. שטייט אין מדרש, אז דוד איז געווען ביי שמואל איין נאכט, און אין דעם נאכט האט ער געלערנט מיט אים תורה, וואס א תלמיד ותיק לערנט נישט במאה שנה. אפילו צוויי בשר ודם'ס, שמואל מיט דוד, האבן געקענט מקבל זיין אין איין נאכט, וואס עס נעמט הונדערט יאר צו לערנען. ווייל אז מען איז געווען אויסגעטון פון די וועלט ווי דוד, אז מען איז געווען אויסגעטון פון די וועלט ווי שמואל, איז תורה אן אנדערע השגה. ווי אזוי א יוד שטעלט זיך צו צו תורה, **לויט וויפיל ער טוט זיך אפטיילן פון עולם הזה, אזויפיל איז ער זוכה צו תורה.** מען האט פריער געהערט פונעם מנהל, וואס האט ארויס געברענגט, אז דער כל המקבל עליו עול תורה איז ביי יעדן איינעם אנדערש. ביי איינעם איז דער טייטש עול תורה אז ער קומט אין ישיבה, האט ער שון מקבל געווען עול תורה, אז ער דרייט זיך נישט אויף די גאס. און ביי איינעם איז טייטש עול תורה, אז מען לערנט אזוי ווי דער **חזון איש** האט געלערנט, אז ביז ער איז נישט איינגעשלאפן, ער האט נאך געקענט האלטן אביסל אפען די אויגן, איז ער געלעגן און זיך מעמיק געווען אין תורה. ביי יעדן איינעם איז דער עול תורה אנדערש. און ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך עול תורה ווי עס דארף צו זיין, דעמאלטס איז ער זוכה אז מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ.

**משה** רבינו האט געהאט אזא שאיפה צו תורה, ער האט זיך מפקיר געווען פאר תורה. און אז דער אר"י הק' האט געקענט לערנען אין איין שעה תורה פון אכציג יאר, איז משה רבינו ווען ער איז ארויפגעגאנגען אין הימל, וואס ער איז געווען דארט נישט איין שעה, נאר פערציג טאג, האט ער אוודאי געקענט מקבל זיין די תורה. ער איז געווען אויסגעטון פון עניני גשמיות, האט זיך די תורה וואס איז חכמתו של הקב"ה צוגעקלעפט צו אים, האט ער געקענט מקבל זיין כל התורה כולה. אלעס ווענדט זיך ווי אזוי דער מענטש גיט זיך איבער פאר תורה. גיט מען זיך איבער אינגאנצן פאר תורה, איז ער זוכה אינגאנצן צו כתרה של תורה, גיט ער זיך איבער למחצה לשליש ולרביע, איז ער נישט זוכה צוצוקומען צו שלימות התורה.

*

**די** גמרא (סוטה ב.) זאגט, אין מזווגין לו לאדם אשה אלא לפי מעשיו, ווען עס קומט צו א שידוך ווייסט יעדער איינער, אז לויט וואס פאר א בחור ער איז, אזא שידוך טרעפט ער נאכדעם. אויב ער איז זוכה, ער פירט זיך אויף ערליך, באקומט ער א חשובע כלה. אויב ער איז נישט זוכה, איז מען נישט זוכה צו א חשובע כלה. אין מזווגין לו לאדם אשה אלא לפי מעשיו, א כלה וחתן ווענדט זיך לפי מעשיו. וואס פאר א חתן דו ביזט, אזא כלה וועסטו באקומען.

**זעהט** מען דאך, אז עס ווענדט זיך, און נישט יעדער איינער באקומט די זעלבע כלה. עס ווענדט זיך ווי אזוי מען שטעלט זיך צו דערצו. ווען דער אייבערשטער גיט די תורה פאר א יוד, גיט ער אים לפי מעשיו, לויט וויפיל ער האט זיך צוגעשטעלט, אזויפיל באקומט ער. ויתן אל משה, דער אייבערשטער האט געגעבן די גאנצע תורה צו משה, ככלתו, אזוי ווי א כלה וואס איז נמסר לחתן, וואס אין מזווגין לו לאדם אשה אלא לפי מעשיו, אזוי האט אים דער אייבערשטער געגעבן די תורה. און משה רבינו וואס האט זיך אינגאנצן מפקיר געווען פאר תורה, האט געקענט מקבל זיין כל התורה כולה אין די פערציג טאג. א זאך וואס מען קען נישט לערנען אין אזא קורצע צייט, האט ער זוכה געווען מקבל צו זיין.

*

**איך** האב היינט (בשיעור אור החיים הק') נאכגעזאגט דאס וואס רש"י (שמות לא-יח) זאגט, אז עס שטייט נישט ויתן אל משה ככלותו לדבר 'אליו', רעדן 'צו' אים, נאר לדבר 'אתו', רעדן 'מיט' אים. זאגט רש"י,

שהיה משה שומע מפי הגבורה, משה רבינו האט געהערט די תורה פונעם אייבערשטען, וחוזרין ושונין את ההלכה שניהם יחד, נאכן שיעור וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר משה רבינו, האט זיך דער אייבערשטער אראפגעזעצט מיט משה רבינו, און זיי האבן גע'חזר'ט צוזאמען. נישט נאר אז ער האט גערעדט צו אים, נאר לדבר 'אתו', ער האט גערעדט צוזאמען מיט אים, דער אייבערשטער איז איבערגעגאנגען מיט משה רבינו וואס מען האט געלערנט. און ווי מען האט פריער געהערט, עס איז נישט גענוג אז מען לערנט א זאך איינמאל, נאר מען דארף חזר'ן, און איבערחזר'ן. מען דארף עס ארויסזאגן מיטן מויל, איינמאל צוויי מאל, דעמאלטס קען מען קונה זיין תורה. דער אייבערשטער האט אונז געוואלט לערנען, אז משה רבינו, כאטש מען האט אים געגעבן די גאנצע תורה א מתנה, איז נישט גענוג וואס איך האב דיר איינמאל געזאגט, און עס וועט ארייגגיין אין קאפ, נאר ויתן אל משה ככלותו לדבר אתו, דער באשעפער האט זיך אראפגעזעצט מיט משה רבינו, און ער איז איבערגאנגען מיט אים די גאנצע תורה.

*

**איך** וואלט געטראכט, אז ככלותו האט נאך א טייטש אויך. מען זאגט (תהלים פד-ג) נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות ה', 'כלתה' איז א לשון פון גלוסטען עד כלות הנפש. יעדע זאך וואס א מענטש האט א שאיפה און א תאוה דערצו, ווערט אנגערופן אז ער גלוסט דערצו. אמאל איז די גלוסטונג אזוי גרויס, אז עס קומט צו ממש צו כלות הנפש, אז ער גייט אויס פאר דעם וואס ער גלוסט. אזוי האט דוד המלך געזאגט, נכספה וגם כלתה נפשי, זיין גלוסטונג צום אייבערשטען איז געווען א בחינה פון כלות הנפש.

**דער** אייבערשטער האט ליב תלמידי חכמים, דער אייבערשטער האט ליב די וואס זיצען און לערנען תורה. ווען דער באשעפער האט געלערנט תורה מיט משה רבינו, האט דער אייבערשטער געהאט אזא גלוסטונג צו לערנען תורה מיט משה רבינו, כביכול עד כלות הנפש. אזוי איז געגאנגען די נאנטקייט, די צוגעבינדענקייט פונעם אייבערשטען צו משה רבינו, און די אהבת התורה וואס משה רבינו האט געהאט. און וועגן דעם האט דער אייבערשטער זיך נישט געוואלט אפשיידן פון זיין לערנען מיט משה רבינו, אז נאך די פערציג טאג לערנען האט דער אייבערשטער אים געגעבן די לוחות, און אויף די לוחות שטייט (שמות כ-ב), אנכי, וואס איז די ראשי תיבות א'נא נ'פשי כ'תבית י'הבית (שבת קה.). דער אייבערשטער האט זיך ארייגגעלייגט זיין נפש אין די לוחות הברית, און ער האט עס געגעבן צו משה רבינו, ווייל ער וויל זיך נישט אפשיידן פון משה רבינו. דער אייבערשטער האט געוואלט מיטגיין מיט משה רבינו, מיט די לוחות, דארט ליגט דער נפש פונעם אייבערשטען, אז ווען משה רבינו וועט לערנען די תורה, ער וועט לערנען אין די לוחות, איז שכינה כנגדו, לערנט ער צוזאמען מיטן אייבערשטען.

**ויתן** אל משה, דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה צו משה רבינו, ככלותו לדבר אתו, דער אייבערשטער האט געהאט אזא כסיפה, אזא גלוסטונג ביז כלות הנפש, צו רעדן צו משה רבינו, האט ער אים געגעבן שני לוחות אבן, וואס דאס איז געווען לוחות כתובים באצבע אלקים, כביכול דער אייבערשטער האט זיך ארייגגעלייגט אין די לוחות, און אזוי האט ער געלערנט תורה.

**און** פון דעם דארף מען ארויסנעמען די געוואלדיגע חשיבות פון א בחור וואס איז זוכה זיך צו פלאגן אויף תורה. און כל שכן אין די יונגע יארן וואס איז די שענסטע יארן וואס מען האט אינעם לעבן. ווי אזוי מען איז יעצט זוכה, ווי אזוי מען איז זיך יעצט משתעשע אין תורה, דאס בלייבט אויף שפעטער. פון אלע אנדערע זאכן בלייבט נישט איבער דערפון גארנישט, נאר דאס וואס מען האט זוכה געווען צו ענדיגן נאך א מסכתא, און נאך א מסכתא. ב"ה די בחורים לערנען פלייסיג, און עס איז צו באוואונדערן, מען האלט שוין חודש אדר, און אין ישיבה דערקענט זיך נישט אז עס איז חודש אדר, יעדער ווייסט אז עס קוקט אויס אזוי ווי עס וואלט געווען חודש חשון, צו חודש כסלו. מען זיצט און מען לערנט אלע סדרים. זאל מען ווייטער ממשיך זיין און נעמען אויף זיך, אז ביז יום הקדוש וועט מען קענען אי"ה מסכת יומא. ווען איינער איז עוסק בתורת קרבנות איז כאילו הקריב קרבנות (מנחות קי.). אז מען איז עוסק אין הלכות יום הכיפורים, האט מען יעדן טאג מחילת עונות, עס איז יעדן טאג יום כיפור, איז עס א געוואלדיגער זכות.

**זאל** דער אייבערשטער געבן אי"ה אז עטץ זאלטס וואקסן ווייטער תלמידי חכמים און ערליכע יודען, און די עלטערן זאלן שעפן נחת דקדושה ביי אלע זייערע קינדער. די חשובע מגידי שיעור און דער מנהל און די משגיחים וואס טוען זייער ארבעט אין די עבודת הקודש. זאל זיי דער אייבערשטער בענטשען, אז זיי זאלן קענען ווייטער אויך עוסק זיין בתורה מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט של בן הר"ר **פנחס שטראהלי** הי"ו (בן **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי** שליט"א דומ"ץ בית מדרשנו בוומסבורג), שהתקיים בבית חותנו הר"ר **חיים אלעזר ענגלענדער** הי"ו.

*

***ערב שבת פרשת כי תשא***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **פנחס שטראהלי** הי"ו, שהתקיים בבית חותנו הר"ר **חיים אלעזר ענגלענדער** הי"ו.

*

***שבת קודש פרשת כי תשא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום כ"א אדר). בברכת המזון נתכבד הרה"ג רבי **יואל משה מרדכי** שליט"א.

ביום השבת בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הרה"ג רבי **לוי יצחק לינדנער** שליט"א. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את הרה"ג רבי **ישכר דוב כ"ץ** שליט"א (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א) בברכת המזון.

במוצאי שבת הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת סאנדער שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **שמחה בער סאנדער** ע"ה).